**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/9/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף 39 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענט אלס טייל פון 1.4 ביליאן דאלערדיגע העכסט-נויטיגע ברוקלין אונטערנעמונג**

***׳דע האַרט׳ וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע געזונטהייט-אריענטירטע קאמיוניטי אנקער מיט 57 נייע צוגענגליכע היימען, גייסטישע געזונט אוטפעישענט פראגראם און פריימערי קעיר צענטער אין בעדפארד-סטייוועסענט***

***דעוועלאפמענט וועט אנבאטן סאָושעל סערוויסעס אויפ׳ן פלאץ פאר אלע איינוואוינער מיט נאך שטיצע פאר 38 היימלאזע עלטערע מענטשן און פאמיליעס***

***געמאלטע בילדער צו באקומען [דא]()***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט דער אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 39 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענט אלס טייל פון דעם סטעיט׳ס 1.4 ביליאן דאלערדיגע העכסט-נויטיגע ברוקלין אונטערנעמונג. ׳דע האַרט׳, פלאצירט אין בעדפארד-סטייוועסענט, וועט באשטיין פון 57 שטאנדהאפטיגע און קביעות׳דיג צוגענגליכע דירות מיט 38 אונטערהאלט וואוינונגען פאר כראניש היימלאזע עלטערע מענטשן און פאמיליעס. אין צוגאב וועט ׳דע האַרט׳ זיין דער היים ארט פאר א גייסטישע געזונטהייט אוטפעישענט פראגראם און א נייע פריימערי קעיר צענטער צו זיין אפערירט דורך ׳וואָן ברוקלין העלט׳.

״פאר יעדן ניו יארקער קומט זיך צוטריט צו זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג וואס קומט נאך זייערע געברויכן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער טראנספארמירנדע פראיעקט ביי ׳דע האַרט׳ פאראייניגט שטאנדהאפטיגע צוגענגליכע האָוזינג מיט אונטערהאלט און געזונטהייט סערוויסעס וועלכע העלפן ניו יארקער ערגייכן סטאביליטעט און ערפאלג. אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער אונזער עקאנאמישע ערהוילונג, מוזן מיר פארזיכערן אז יעדע קאמיוניטי האט צוטריט צו די שטיצע און סערוויסעס אין וואס זיי נייטיגן זיך אויף צו בליען.״

ניו יארק׳ס 1.4 ביליאן דאלערדיגע ׳ווייטעל ברוקלין׳ אונטערנעמונג צילט און אינוועסטירט אין אכט אינטעגרירטע געביטן, פון געזונטהייט אויפפאסונג ביז האוזינג, איינפירן א נייע סטאנדארט אויף צו אדרעסירן כראנישע עקאנאמישע און ראסע אומגלייכקייט אין ברוקלין׳ס גאר נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס. דער ׳ווייטעל ברוקלין׳ איניציאטיוו וועט שאפן 4,000 צוגענגליכע וואוינונגען אין צענטראל ברוקלין׳ס געגענטער. גאווערנער האוקול בויט אויף די ערפאלגרייכער ארבעט מיט א פארשלאג פאר א נייע 25 ביליאן דאלערדיגע, פינף-יעריגע האָוזינג פלאן וועלכס וועט שאפן און אפהיטן נאך 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט אונטערהאלט סערוויסעס.

די ניין-שטאָקיגע געביידע, אנטוויקלט דורך CAMBA ׳האָוזינג ווענטשוּרס׳, וועט פלאצירט ווערן ביי 1038 בראדוועי אין ברוקלין׳ס בעדפארד-סטייוועסענט געגנט. דער ארט איז פריער געווען דער וואוין-ארט פון דעם ׳אינטערפעיט מעדיקעל צענטער׳ גייסטישן געזונטהייט אוטפעישענט פראגראם, וועלכס וואט זיך אומקערן צו די נייע געביידע׳ס ערשטע שטאק אינאיינעם מיט א געמיינזאם-פלאצירטע פריימערי קעיר צענטער. אינאיינעם וועט די געביידע באזארגן באלד 5,000 סקווער פיס פון העלטקעיר איינריכטונגען פאר איינוואוינער און דער קאמיוניטי. ׳וואָן ברוקלין העלט׳ וועט אפערירן דער גייסטישער געזונטהייט און פריימערי קעיר צענטערס, וועלכס וועט דינען אלס איינע פון די 32 ׳ווייטעל ברוקלין׳ אמבולאטארישע באהאנדלונג צענטערס.

די 57 דירות פון ׳דע האַרט׳ רעכענען אריין פופציג סטודיאס, צוויי איינציג-שלאפצימערדיגע דירות, פיר צוויי-שלאפצימערדיגע דירות, און איין דירה פאר אן אויפ׳ן-ארטיגע סופעראינטענדענט. פיר און דרייסיג דירות וועט באשטימט ווערן פאר כראניש היימלאזע עלטערע מענטשן און פיר דירות באשטימט פאר כראניש היימלאזע פאמיליעס מיט לכל הפחות איין מיטגליד וועלכע וואוינט מיט ערנסטע גייסטישע קרענק. די איבעריגע דירות וועלן געהאלטן ווערן פאר נידעריג און מיטלמעסיג-פארדינענדע הויזגעזינדער.

׳דע האַרט׳, וועלכער איז אויספלאנירט דורך ׳מארוועל ארכיטעקטס׳, וועט נאכיאגן LEED באשטעטיגונג און ׳ענערדזשי סטאַר׳ מולטי-פאמיליע נייע קאנסטרוקציע פראגראם באשטעטיגונג. די געביידע וועט אנטהאלטן א סאָלאַר-גרייט אפציע פאר פאטא-וואלטאישע רייע צו דערגרייכן נידעריגע אפערירונג אויסגאבן, רעדוצירן די איינפלוס פון ׳דע האַרט׳ אויף נאטורליכע מיטלען, און צושטעלן א געזונטערע געביידע פאר די איינוואוינער און דעם געגנט.

די געביידע ווערט אנטוויקלט דורך CAMBA ׳האָוזינג ווענטשוּרס׳ (CHV), אן אפיליאט פון CAMBA, דער אונטערהאלט סערוויס באזארגער. אויפ׳ן-ארטיגע סאָושעל סערוויסעס וועלן זיין צוגעשטעלט פאר אלע איינוואוינער אין א CAMBA סאָושעל סערוויסעס סוויטע און נעמען אריין קעיס מענעדזשמענט פאקוסירט אויף אונטערהאלט פיזישע און גייסטישער געזונטהייט, סובסטאנץ באניץ קאונסלינג, עקאנאמישע באפולמעכטיגונג בילדונג, יוגנט אנטוויקלונג פראגראמען, פאמיליע קאונסלינג און שטיצע, ערנערונג סערוויסעס און זעלבסטשטענדיגע וואוינונג פעאיגקייט טרענירונג.

טענאנטן ביי ׳דע האַרט׳ וועלן געניסן א צווייטע-שטאק איבונגען און גארטן טעראסע מיט אפציעס פאר אויסהאלטן א קאמיוניטי גארטן, זיך-ערטער און איבונג און וואוילזיין אקטיוויטעטן. באקוועמליכקייטן וועלן אריינרעכענען 24/7 סעקיוריטי ביים אריינגאנג, ארטיגע קונסטווערק און סקולפטורן, א קאמיוניטי צימער, א קאמפיוטער צימער, לאָנדרי-רום און ביציקל סטאָרעדזש. ביי דער ענדע פון אנטוויקלונג וועט א קאמיוניטי איינריכטונג אנעקס ביי א דערנעבנדע CHV צוגענגליכע און אונטערהאלט האוזינג דעוועלאפמענט וועט אריינגעמען אן עקאנאמישע אנטוויקלונג און ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער באזארגט דורך CAMBA.

פינאנצירונג פאר ׳דע האַרט׳ רעכנט אריין פעדעראלע און סטעיט ׳לאָו-אינקאָם טעקס קרעדיטס׳ וועלכע זענען ערווארטעט אויפצוטרייבן 21.8 מיליאן דאלער אין עקוויטי און 6.1 מיליאן דאלער אין סאָבסידי פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף שטעלט צו 7.9 מיליאן דאלער דורך דער היימלאזע האָוזינג הילף פראגראם און דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט באזארגט רענט און סערוויס סאָבסידיס פאר די 38 אונטערהאלטנדע יוניטס דורך דעם עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג איניציאטיוו. דער פעדעראלער היים הלוואה באנק באזארגט 1.8 מיליאן דאלער אין שטיצע.

**׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״׳דע האַרט׳ ווערט פאסיג אנגערופן און איז א דערפרייענדע אנטוויקלונג וועלכס אנטהאלט שטאנדהאפטיגע אויססטיליזירונג באשטאנדטיילן און א דערגאנצעטע צוגאנג צו העלפן 57 הויזגעזינדער דערגרייכן האָוזינג סטאביליטעט און עקאנאמישע באפולמעכטיגונג. און צו דעם אלעם וועט די אנטוויקלונג ליפערן העכסט-נויטיגע גייסטישע געזונטהייט און פריימערי קעיר סערוויסעס צו דעם בעדפארד-סטייוועסענט געגנט. מיר שטאלצירן זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט ׳CAMBA האָוזינג ווענטשוּרס׳ אויף 39 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט וועלכע איז א טייל פון דעם סטעיט׳ס אינאווירנדע ׳ווייטעל ברוקלין׳ אונטערנעמונג, און מיר זענען דאנקבאר פאר די שטיצע פון גאווערנער האוקול, אונזערע שוועסטער אגענטורן, און ׳וואָן ברוקלין העלט סיסטעם׳. צענטראל ברוקלין׳ס קאמיוניטיס קומט זיך קלוגע, דורכגעטראכטע און טראנספארמירנדע אינוועסטירונגען ווי ׳דע האַרט׳.״

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף אמטירנדע קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״שאפן נייע אונטערהאלט האוזינג איז צענטראל צו אונזער ארבעט צו רעדוצירן היימלאזיגקייט לענגאויס ניו יארק סטעיט. אלס טייל פון דעם סטעיט׳ס ׳ווייטעל ברוקלין׳ אונטערנעמונג וועט ׳דע האַרט׳ באזארגן ניו יארקער וועלכע מאכן מיט היימלאזיגקייט מיט די סערוויסעס וואס זיי נייטיגן זיך צו פארזיכערן זייער לאנג-טערמיניגע האָוזינג סטאביליטעט. איך אפלאדיר גאווערנער האוקול׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו און אינוועסטירונג אין זיכערע, צוגענגליכע האוזינג פאר יעדן איינעם אין אונזער סטעיט, אריינגערעכנט געוויסע פון די מערסט באדערפטיגע צווישן אונז.״

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי באסעט האט געזאגט,** ״נאכדעם וואס דער קאָוויד-19 פאנדעמיע האט ווייטער ארויסגעהויבן די אומגלייכקייטן צווישן אונטערסערווירטע ניו יארקער, טוען מיר, דורך דער ׳ווייטעל ברוקלין׳ איניציאטיוו, פארבעסטערן דאס צושטעלן די געברויכן דורך איבערבייטן די אונטערבאניצטע פלאץ פון דער געוועזענער אינטערפעיט מעדיקעל צענטער׳ס גייסטישע געזונטהייט אוטפעישענט פראגראם אויף צוגענגליכע האָוזינג און פראגראמען צו בעסער סערווירן כראניש היימלאזע עלטערע מענטשן און פאמיליעס.״

**לארעי בראון, פרעזידענט און CEO פון ׳וואָן ברוקלין העלט סיסטעם׳ האט געזאגט**, ״דער ׳ווייטעל ברוקלין׳ אונטערנעמונג אנערקענט די קריטיש-וויכטיגע אינטער-אפהענגיגקייט צווישן געזונטהייט און האָוזינג. ׳וואָן ברוקלין העלט׳ איז דערפרייט זיך צו האבן אנגעשלאסן מיט ׳CAMBA האָוזינג ווענטשוּרס׳ און ניו יארק סטעיט אויף די אנטוויקלונג פון די דרינגענד-נויטיגע 57 דירות. מיר קוקן ארויס צו באזארגן פריימערי קעיר און גייסטישע סערוויסעס צו די טענאנטן פון ׳דע האַרט׳ וועלכע וועהלן אויס צו ניצן אונזערע סערוויסעס און פארזעצן די ליפערונג פון סערוויסעס צו צענטראל ברוקלין איינוואוינער אין דער ניי-געבויטער אוטפעישענט ארט.״

**דזשאען עם. אפלוסטיל, פרעזידענטקע און CEO פון CAMBA/CHV, האט געזאגט,** ״א דאנק די בליק פון דעם ׳ווייטעל ברוקלין׳ איניציאטיוו און די פלייסיגע ארבעט פון אונזערע פינאנצירונג צוזאמארבעטער, וועט ׳דע האַרט׳ אנבאטן אן אינאווירנדע, שטאנדהאפטיגע, און אונטערהאלט ענווייראָנמענט וואו איינוואוינער און די קאמיוניטי קענען בליען. CHV׳ס בארימטע געמיש פון הויכע קוואליטעט האָוזינג אינאיינעם מיט CAMBA׳ס אויפ׳ן-פלאציגע סאָושעל סערוויסעס וועלן האבן נאך א שטערקערן איינפלוס דורך זיי אינאיינעם פלאצירן מיט די ׳וואָן ברוקלין העלט׳ מעדיצינישע איינריכטונגען. מיר זענען דערפריידט אנצובאטן נאך אן אנטוויקלונג וואו האָוזינג און העלטקעיר געפונען זיך אינאיינעם, וויבאלד מיר ווייסן א צוגענגליכע, אונטערהאלט און קביעות׳דיגע היים לייגט דעם יסוד פאר א געזונטע און סטאבילע לעבן.״

**קאונסיל מיטגליד טשי-אסי האט געזאגט,** ״בויען נייע צוגענגליכע האָוזינג איז צענטראל צו לינדערן ניו יארק׳ס האָוזינג קריזיס. ׳דע האַרט׳ ווייזט וויאזוי מיר קענען ריכטיג אויספירן צוגענגליכע האָוזינג. צו

האבן אזויפיל קביעות׳דיגע צוגענגליכע וואוינונגען באלד אנצוקומען צו דעם געגנט, ווי אויך אונטערהאלט וואוינונגען פאר כראניש היימלאזע עלטערע מענטשן און פאמיליעס, איז א אמת׳ע געשאנק צו דער קאמיוניטי. אויפ׳ן-ארטיגע סאָושעל סערוויסעס, אן ערשטע-שטאק העלט צענטער, און גאנצע ריי באקוועמליכקייטן וועלן מאכן דעם אלס-אריינגענומענדע געביידע פאר באקוועמע, בכבוד׳דיגע, און פארגעניגנדע וואוינונג אלצדינג וואס צוגענגליכע האָוזינג דארף שטרעבן צו זיין. בעד-סטיי וועט בעסער זיין צוליב דעם דעוועלאפמענט וואס קומט צו אונזער קאמיוניטי; מיר זאלן זוכן צו בויען פיל מער ענליכע דעוועלאפמענטס אין דעם צוקונפט.״

CHV האט א פארטפעל פון איבער 2,700 יוניטס, פארטרעטנדיג איבער 1 ביליאן דאלער אין פובליק און פריוואטע אינוועסטירונג דורכאויס ניו יארק סיטי. ׳דע האַרט׳ טוט ווייטער פארברייטערן CHV׳ס פאקוס אויף מיט-פלאצירן האָוזינג און העלטקעיר.

׳דע האַרט׳ ווערט פאראויסגעזען געענדיגט צו ווערן אין אנהייב 2024. CHV, CAMBA, די גענעראל קאנטראקטאר באליוואר בויער, און דער גאנצער דעוועלאפמענט טיעם זענען אנטשלאסן צו אידענטיפיצירן ארטיגע באשעפטיגונג געלעגנהייטן און פארזיכערן אז ׳דע האַרט׳ האט א פאזיטיווע עקאנאמישע איינפלוס דורכאויס און נאך דעם קאנסטרוקציע צייט אפשניט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן